# אמונת-צדיקים (דערציילונג)


## קטלא קניא

katlekanye@mail.com


ווען חיה האָט אויפֿגעוועקט שמעונען אַז זי שפּירט שוין די חבֿלי-לידה איז ער צום ערשטנס געלאָפֿן צום טעלעפֿאָן. נישט אָנצורופֿן דעם שפּיטאָל צו זאָגן אַז חיה קומט באַלד צו גיין. אויך נישט פֿאַר אַן אַמבולאַנץ. דאָס קען אַלץ וואַרטן. ער האָט גענומען דעם טעלעפֿאָן און אָנגערופֿן דעם רבין זײַנעם צו נעמען אַן עצה.

ס׳איז שווער צו וויסן וואָס פֿאַר אַן עצה שמעון האָט דאָ געזוכט. צי זי גייט האָבן דאָס קינד צי נישט? דער רבי ווייסט דאָך גענוי אויף ווען מען וואַרט דאָס קינד. דער רבי האָט געוווסט פֿונעם ווסת פֿאַרן תּשמיש וואָס האָט פּראָדוצירט דאָס קינד. דער רבי האָט געגעבן פֿאַרשידענע סגולות פֿאַרן ליל-טבֿילה. און דער אייבערשטער האָט טאַקע געהאָלפֿן. נאָכן אַכט מיט אַ האַלב יאָר אַרומלויפֿן צו אַלערליי דאָקטוירים און מקובלים איז עס געווען דורכן רבין אַז חיה איז ענדלעך טראָגעדיק געוואָרן. דער רבי האָט זיי אויך ניט פֿאַרגעסן אין די תּישעה-ירחי-לידה. ער האָט כּסדר געשיקט שיריים פֿון דער שבתדיקער חלה און כּסדר זיך נאָכגעפֿרעגט וואָס זי מאַכט. זאָל שוין זײַן אַז דער רבי ווייסט, יעצט אָבער אַז זי גייט שוין צום קינד אין אַ מזלדיקער שעה וואָלט געווען אַן עבֿירה צו ריזיקירן אַלע הייליקע תּפֿילות און גיין אין שפּיטאָל אָן דעם רבינס אַ ברכה.

דער אמת געזאָגט האָט שמעון אָבער יאָ געוואָלט אַן עצה. כאָטש ער האָט געוווסט אַז חיה דאַרף שוין גיין אין שפּיטאָל האָט ער אָבער נישט געקענט טאָן אַזאַ זאַך אָן פֿרעגן דעם רבין. ״דיני נפֿשות זענען נישט קיין חכמות״ און ווי קען ער מאַכן אַזאַ וואָגיקע החלטה ווי יאָ צי נישט אַרײַנגיין אין שפּיטאָל אָן אָנפֿרעגן דעם רבין? ער קען דאָך חלילה אײַנשטעלן דאָס לעבן פֿונעם קינד מיט דער מאַמען צוזאַמען.

נאָכן דריקן די קנעפלעך פֿונעם טעלעפֿאָן האָט ער געוואַרט מיט אַ האַרץ-קלאַפּעניש אויפֿן ענטפֿער פֿונעם גבאין. ער האָט בלויז געוואָלט איבערגעבן זײַן ווײַבס נאָמען בת איר מאַמענס נאָמען און עס וואָלט אים בעסער געווען. ער וואָלט שוין דעמאָלט פֿאַרשטאַנען אַז אַ פּרוי וואָס גייט צום קינד דאַרף באַלד גיין אין שפּיטאָל, אָבער יעצט איידער ער רעדט מיטן רבינס גבאי איז ער אַ פֿאַרלוירענער. די ענטפֿער-מאַשינקע האָט אויפֿגעהויבן דעם טעלעפֿאָן: ״ביתו נאווה קודש פֿונעם סקאָליע רבין זאָל מאַריך ימים ושנים זײַן. דער רבי איז יעצט מייחד-יחודים אינעם עולם העליון. זאַט מוחל רופֿט צוריק שפּעטער אָדער לאָזט איבער אײַער הזכרה נאָכן תּקיעה. איר זאָלט פּועלן אַלץ גוטס.״

חיה האָט געקרעכצט אַיעדעס מאָל אַ צונויפֿציִעכץ איז איר אַריבער ווי אַ וואַל אין אַ ווילדן ים. קוקנדיק אויפֿן זייגער האָט זי געמאָסטן אַז ס׳איז שוין אַראָפּ צו אַכט מינוט צווישן יעדן צונויפֿציִעכץ אָבער פֿון שמעון הערט זי נישט. ווען זי האָט זיך באַוווּסט אַז ער האָט נאָך גאָרנישט געטאָן אָבער דעם רבין האָט ער שוין גערופֿן האָט זי אים ניט פֿאַרשטאַנען. ״וואָס איז דען דאָ צו פֿרעגן?״

די פּאָר מינוטן אַליין האָט זי אָבער נישט געבטלט. חיה האָט זיי אויסגענוצט אויסצוטאָן דעם ספֿר-תּורה-גאַרטל וואָס זי האָט אַרומגעבונדן דאָס בויך. דאָס בענדל האָט איר מוטערס שכנטע געהאַט איר געגעבן אַלס אַ סגולה נישט מפּיל צו זײַן, אויסרעכענענדיק דערבײַ אַ ליסטע פֿון פֿרויען וואָס זענען מיט דער סגולה געהאָלפֿן געוואָרן. בחדא מחתא האָט זי גאַראַנטירט אַז זי וועט קיינעם נישט דערציילן. חיה האָט עס געטראָגן ווײַל שמעון האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז שאַטן קען עס זיכער נישט און וואָס האָט זי דען צו דערלייגן? אַז זי האָט געדאַרפֿט גיין אין שפּיטאָל און זיך אויסטאָן פֿאַר די דאָקטוירים און שוועסטערס איז שוין יאָ געווען וואָס צו דערלייגן, און אַ טורבאַן איבערן קאָפּ איז איר געווען מער ווי גענוג.

שמעון האָט זיך נישט געוואָלט קריגן איבער פֿרעגן אַ רבין אין אַזאַ צײַט. וואָס פֿאַרשטייט דען אַ ייִדענע? און נאָך בפֿרט ווען זי גייט צו קינד. זי ברענגט דאָך פֿאַר דעם אַ קרבן-חטאת ווײַל זי מאַכט ווילדע שבֿועות מכּוח אירע יסורים, קען מען איר מוחל זײַן אַז זי געדענקט נישט אַז ווען נישט דער רבי וואָלט זי געליטן נעבעך פֿון דער ערגערער פּײַן פֿון קינדלאָזיקייט.

געכאַפּט דאָס תּהילימל און די געבענטשטע קמיע, האָט ער גערופֿן אַ קאַר-סערוויס - שמעון איז געווען צו אַ גרויסע טשאַטשקע צו פֿירן אַ קאַר - און צוגעפֿאָרן אָפּנעמען די שוויגער און געפֿאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן. זאָגט דען נישט רש״י אויפֿן פּסוק ״כי לא כנשים המצריות העבֿריות כי חיות הנה״ ווײַל זייערע מענער האָבן אַ שוויגער? חוץ פֿון דעם ווי

קען אַ חסידישער יונגער-מאַן ווי שמעון זיך אָן עצה געבן אַז ער טאָר נישט זײַן אינעם צימער ווען חיה גייט צו קינד, ווײַל ער טאָר חלילה נישט קוקן? אַפֿילו יעצט איז אים געווען אַ שאלה צי ער מעג איר האַלטן די האַנט. אָבער אין דעם קאַר איז סײַ ווי אָפּגערעדט אַז ער קען גאָרנישט טאָן ווען דער דרײַווער קען זען.

קוים זיך נאָכגעפֿרעגט וואָס חיה מאַכט האָט די שוויגער אָנגערופֿן איר זון קיין בני-ברק אַז באַלד נאָך שחרית זאָל ער לויפֿן צום מקובל זאָגן אַז חיה איז אַרײַן אין שפּיטאָל. דער רבי מיטן מקובל דערליידיקט האָט מען געקענט אָנקומען בשלום אין שפּיטאָל אַרײַן.

חיהס שטוב איז געווען געפֿאַרבט אויף פּאַסטעלע פֿאַרבן, און אַבסטראַקטע מאָלערײַען זײַנען געהאָנגען אויף דער וואַנט. בײַ שמעונען האָט עס אויסגעזען זייער גוייִש. בײַ אים אין דער היים זענען די ווענט אַלע געווען געקאַלכט אויף ווײַס און עס זײַנען געהאָנגען בילדער פֿונעם רבין זי״ע. ס׳האָט אים קיינער נישט געפֿרעגט איבער דעם ווײַל זײַן שוויגער און זײַן פֿרוי האָבן עס דעקאָרירט ווען ער איז נאָך געווען אַ חתן. יעצט אַז ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרברענגען אין שפּיטאָל אין אַ היימלעך דעקאָרירטן צימער האָט ער פֿאַרשטאַנען די שיינקייט פֿון זײַן ייִדישער שטוב. ער האָט אָבער געזוכט די אבֿניים וואָס דער פּסוק זאָגט אַז אויף דעם געבוירט מען. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַז מען ברענגט עס אַרײַן שפּעטער.

ס׳האָט זיך געגערדט פֿון לײַכטער מאַכן חיהס יסורים. די שוויגער האָט זיך אָנגערופֿן צו דער הייבאַם אַז חיה דאַרף נישט קיין עפּידיורעל. ״איך האָב אָך נישט געהאַט״, האָט זי פֿאַר חיהן געזאָגט. זי האָט געהאַלטן אַז געבוירן אַ קינד אָן שמערצן איז ווי געגנבֿעט, ווי דאָס קויפֿן חלות אָדער געפֿילטע פֿיש אויף שבת, אָדער ווי דאָס אָנוואַרעמען עסן אין אַ מיקראָווייוו-אויוון, ווי זי פֿלעג זאָגן איידער זי האָט זיך אַליין געקויפֿט אַזאַ אויוון. כאָטש שמעון האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע מיינונג איבערן ענין האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ סבֿרא אַז וויבאַלד די שמערצן זענען די שטראָף פֿאַר חוהס זינד זענען מיטלען דאָס צו פֿאַרמײַדן נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף חיהס צושטאַנד און ס׳איז אים שווער געווען צוצוקוקן ווי זי פּלאָגט זיך. ער האָט שוין בעסער פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס רבֿקה-אמנו איז געלאָפֿן אויספֿאָרשן גאָט ווען די שמערצן האָבן זיך בײַ איר אָנגעפֿאַנגען.

די הייבאַם איז נישט געווען צו אינטערעסירט אין דעם וואָס שמעונס שוויגער האַלט און זי האָט געוואָלט הערן פֿונעם פּאַציענט אַליין. חיה האָט דווקא יאָ געוואָלט לײַכטער מאַכן די יסורים. ״וואָט דו יו ניד טו סאָפֿער פֿאָר?״ האָט אַ חבֿרטע איר געהאַט געזאָגט. שמעון, ווען ער האָט ענדלעך באַשלאָסן, האָט געהאַלטן אַז מען זאָל גיין רופֿן דעם רבין. דער ענטפֿער-מאַשין קען דאָך אָבער נישט געבן אַזאַ סאָרט תּשובֿה, די הייבאַם זאָגט אַז די ריזיקעס זענען מינימאַל און די בני-בית שרײַט פֿאַר ווייטיק, האָט ער בלית-ברירה צוגעשטימט. ער האָט נישט ווייניק מורא געהאַט אויף די קאָנסעקווענצן, ס׳האָט אים נאָך מער געשטערט אַז צום ערשטן מאָל רירט ער זיך אָנעם רבין און נאָך דערצו אין דיני-נפֿשות. ״און ווען איך זאָל אָנרופֿן דעם רבין וואָלט ער מן-הסתּם געזאָגט אַז איך זאָל טאָן ווי דער דאָקטער הייסט. נו, זי האָט דאָס טאַקע רעקאָמענדירט.״

אַז חיה האָט אַלץ נישט געבוירן האָט מען גערופֿן אַ דאָקטער. פֿריִער, ווען חיה האָט דערציילט פֿאַר שמעונען אַז אירע וואַסערן האָבן זיך געבראָכן, האָט ער באַלד געטראַכט פֿון קריעת-ים-סוף. אַצינד האָט ער געטראַכט אַז ס׳איז קשה כּקריעת-ים-סוף און דאָס קינד קומט נישט אַרויס פֿון דער צווייטער זײַט אַזוי ווי די בני-ישׂראל. נאָכן אויסהערן דעם דאָקטער האָט שמעון פֿאַרשטאַנען אַז דאָ רעדט זיך פֿון אַ מקשה-לילד. ער האָט זיך געשפּירט ווי ער לעבט אין אַ מעשׂה-בוך. ביז הײַנט איז ער געווען אַ חשוכי-בנים פֿונעם יהי-רצון נאָך תּהילים, אַצינד האָט ער אַ פֿרוי אַ מקשה-לילד. ער איז ממש אַ כאַראַקטער וואָס איז געווען בײַם בעל-שם, בײַ ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער און נאָך צענדליקע קדושים-וטהורים. פֿאַר זײַנעט וועגן און אויך פֿאַרן רבינס וועגן האָט ער געוווסט אַז ער מוז אָנפֿרעגן. אָפּהאַלטן פֿון אַ רבין אַ מקשה-לילד איז גלײַך ווי גנבֿענען בײַ אַ ליטווישן גדול אַ פּטר-חמור. און נאָך דערצו אַ מקשה-לילד וואָס איז געווען אַ חשוכי-בנים, ס׳איז ווי אַ שיינער אתרוג וואָס איז באַקרוינט מיט אַ פּיטום (טאַקע אַזאַ פּיטום וואָס חיה האָט אָפּגעביסן באַלד נאָך סוכּות אַלס אַ סגולה אויף נישט מפּיל זײַן).

פֿון דער אַנדערער זײַט האָט אָבער שמעונען עפּעס אַנדערש געשטערט. דער דאָקטער האָט מיט אים גערעדט און אים מסביר געווען וואָס דאָ די פּראָבלעם איז און וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן. כאָטש די שוויגער האָט אים נישט געלאָזט גאָרנישט פֿרעגן האָט אָבער דער דאָקטער גערעדט צו אים אין די אויגן אַרײַן. בײַם רבין פֿלעגט ער אַלץ זען דעם דרך-ארץ וואָס מען האָט אָפּגעגעבן די מיליאָנערן אָן בערד וואָס פֿלעגן קומען באַזוכן. ער האָט אויך געוואָלט מיט זיי רעדן, ס׳האָט אים אָבער אויך געשטערט וואָס אויב זיי קומט אַזוי פֿיל כּבֿוד, איז צו וואָס זיצט ער און האָרעוועט? תּלמידי-חכמים האָבן קיין מאָל נישט באַקומען דעם סאָרט איידעלן, פֿרײַנדלעכן קבלת-פּנים. יעצט האָט ער אויך געהאַט די זכיה אַז ס׳זאָל צו אים רעדן אַ פּראָפֿעסיאָנאַל אָן אַ באָרד אויף אַזאַ וווייכן, צוגעלאָזענעם אופֿן. אמת, ווען זיי זענען געגאַנגען צו דאָקטוירים וועגן קינדלאָזיקייט האָט דער דאָקטער אויך אַזוי גערעדט, אָבער דעמאָלט האָט ער

זיך בעיקר געווענדט צו חיהן וויבאַלד ס׳איז געווען איר פּראָבלעם. נישט נאָר מען האָט קיין מאָל אַזוי צו אים נישט גערעדט, ס׳האָט נאָך קיינער פֿון אים נישט געבעטן קיין מיינונג. ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט אַז ער האָט אַ מיינונג. יעצט אָבער אַז מען האָט אים געפֿרעגט וואָס ער האַלט האָט ער זיך געחשקט אַליין אַרײַנצוטראַכטן. דעם רבין האָט ער אָבער נישט געקענט אַרויסלאָזן פֿונעם געשעפֿט.

שמעונען איז שווער געווען מסביר זײַן פֿאַרן הויז-בחור וואָס האָט אויפֿגעהויבן דעם רבינס טעלעפֿאָן יונגע-לײַטישע ענינים. אַז ס׳איז אָבער נישט געווען קיין צווייטער האָט שמעון בלית-ברירה געמוזט זאָגן פֿאַרן בחור וואָס דאָ טוט זיך. דער הויז-בחור האָט מסביר געווען אַז מען קען שוין אַ פּאָר שעה נישט אַרײַן צום רבין. ״אַפֿילו נישט אויף אַ מקשה-לילד? וואָס זאָל איך דערווײַל טאָן?״ שמעון האָט זיך אויך פֿאַרזינדיקט צו טראַכטן, ״אַז נישט אויף אַ מקשה-לילד איז למה זה אָנוכי, וואָס טויג מיר די גאַנצע מעשׂה?״ ״טי ווי דער דאָקטער הייסט אין דער אייבערשטער ווער העלפֿן״,האָט דער בחור געהייסן, ״אין איך וועל דערמאָנען דעם ענין צום רבין באַם ערשטן געלעגנהייט״.

״אין שׂימחה כּהתּרת הספּיקות״, לערנען אונדז חז״ל און און דאָס איז פֿאַרשטאַרקט געווען שוין ווייסנדיק אַז גרויסע דאָקטוירים פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן רבינס אַ וואָרט. אין ישיבֿה פֿלעגט מען צײַגן אויף יונגע-לײַט וואָס זיי האָבן געהאַט מופֿתים ווען ס׳איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן אַ קינד: דער רבי האָט געזאָגט נישט אָפּערירן כאָטש די דאָקטוירים האָבן געהייסן פֿאַרקערט. שמעון פֿלעגט זיך וווּנדערן צי ער וואָלט בײַגעשטאַנען אַזאַ נסיון. יעצט האָט ער געוווּסט אַז וואָס דער רבי וואָלט געהייסן וואָלט ער געטאָן. מען קען אָבער נישט לייקענען אַז ער איז געווען צופֿרידן אַז דער רבי איז נישט געווען דערבײַ אים צו שטעלן אין אַזעלכע נסיונות.

ער איז אַרײַנגעלאָפֿן אינעם געבורטשטוב זאָגן אַז מען קען שוין צוגרייטן די אַבֿניים. נאָך איידער די שוויגער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אים אַרויסצוטרײַבן און אים פֿאַרקלאַפּן די טיר אין פּנים, האָט ער געכאַפּט אַ בליק ווי חיה ליגט אויפֿגעדעקט פֿון די לענדן אַרויף. אין דרויסן האָט ער זיך געשטעלט זאָגן תּהילים אָבער די ערשטע ראיה פֿון חיהס זקן-התּחתּון האָט ער נישט געקענט אַזוי לײַכט פֿאַרטרײַבן פֿונעם מוח.

שמעון האָט זיך אַרומגעדרייט אַ נערוועזער. ער האָט זיך געצויגן דאָס בערדל, געדרייט די וואָנצעס און געקראַצט די גאָמבע. כאָטש ער האָט געוווּסט אַז זײַן פּרוי איז אָפּגעהיטן אין די דרײַ עבֿירות וואָס קענען גורם זײַן אַז אַ פֿרוי זאָל שטאַרבן בײַם געבוירן, האָט ער אָבער אויך געוווּסט אַז השׂטן מקטרג בשעת הסכּנה. ער האָט אויך אין זינען געהאַט ס׳זאָל זײַן אַ ייִנגל ער זאָל קענען מאַכן אַ פּדיון-הבן. אַ ייִנגל האָט אים בעסער געלוינט ווײַל ער וועט קענען געבן אַ זכר, האָבן אַ קריאת-שמע-לייענען, צושטעלן אַ וואַכנאַכט, אויסטיילן כּיבודים בײַם ברית, און דער ברית אַליין - און דאָס איז נאָך אַלץ פֿאַרן פּדיון-הבן. אַז ס׳וועט זײַן אַ מיידל ווען ער בלויז געבן אַ קידוש, וואָס לויט די תּקנות אין זײַן שול מעג באַשטיין בלויז פֿון פּשוטע אויסגעטריקנטן לעקעך און איין סאָרט הערינג. אַפֿילו אייער-קיכל האָבן זיי לעצטנס געאַסרט. און נאָך דעם וועט נאָך קומען אַ חכם און אים זאָגן, ״וואָלסט געקענט אַ נאָמען גייבן מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק אין זיך אַנשפּאָרן אַ קידוש.״ חיה האָט גראַדע יאָ געוווּסט דאָס געשלעכט פֿונעם קינד, שמעונען האָט זי אָבער נישט דערציילט, נאָך דעם ווי דער דיין האָט אים געפּסקנט אַז מחמת דעם פּסוק תּמים תּהיה עם ה׳ אלקיך איז בעסער נישט צו וויסן.

למעשׂה האָט שמעון געוואָלט אַ זון וועגן מער ווי אַ פּאָר סעודהלעך. ער האָט שטאַרק געוואָלט אַ נאָמען געבן ישׂראל חײם נאָך זײַן עלטערן ברודער. זײַנע עלטערן האָבן נישט אַזאַ נאָמען געגעבן זייערע קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך זייער אומגליק. זיי האָבן געקענט באַשטיין אויפֿן מינהג, ווײַל זיי האָבן געוואָלט פֿאַרגעסן. שמעונען האָט עס אָבער יאָ געשטערט. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ שולד אַז ער האָט פֿאַרדינט פֿון דעם ברודערס פֿאַרלוסט ווײַל ער האָט כּלומפּערשט געירשנט דעם ברודערס בכורשאַפֿט. דאָס האָט אים פֿאַרפֿליכטעט צו מאַכן אַ זכר פֿאַר דעם ברודערס נאָמען. ער האָט אָבער נישט געגלייבט אַז ער וועט עס קענען אויספֿירן. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט חיהן אַז כאָטש דער נאָמען קומט איר משפּחה וועט זי מוּתּר זײַן. דער רבי, האָט ער געוווּסט, וועט נישט זײַן אַזוי פּשוט. ווען דער ברודער וואָלט אַלט געווען פֿערציק צי פֿופֿציק, וואָלט אים דער רבי געהייסן צוגעבן אַ נאָמען. אַז ער איז אין גאַנצן אַלט געווען זעכצן מיט אַ האַלב וואָלט דאָס אויך נישט גענוג געווען. אַזאַ נאָמען קען שאַטן דעם טראָגער פֿונעם נאָמען אַז ער זאָל נישט לאַנג לעבן אָדער אַנדערע מרעין בישין.

שמעון איז געבליבן זאָגן תּהילים אינעם האָל ווײַל אין וואַרטצימער האָט געברענט אַ טעלעווידיע. מיט זײַן הויכן, דאַרן שטעל און אָנגעטאָן אין זײַן סאַמעטן קאַפּעליוש און לאַנג, שוואַרץ רעקל האָט ער זיך געשאָקלט איבערן תּהילים. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט פֿאַרמײַדן פֿון זען גויים אין גויטעס האַלטנדיק די הענט און קושן זיך, ווי ווען זיי גייען זיך דורך אונטערן לאָמפּ ווערט איר דינע נאַכטקלייד מיט אַ מאָל דורכזיכטיק. ער האָט זיך שנעל ווידער פֿאַרטיפֿט אינעם תּהילימל אָבער דאָרט אויך האָט ער געזען וואָס מען דאַרף נישט. אַז דער בעל-דבֿר האָט געקענט ווײַזן גאַנץ כּלל-ישׂראל משה-רבינוס לוויה איידער זיי האָבן געדינט דעם עגל איז אַ גרויסע גדולה ווײַזן אַ זײַדענעם יונגער-מאַן

שיינע נקבֿהשע פֿאָרעמס. "נו, ווי פּאַסט דאָס פֿאַר אַ חסידישן יונגער-מאַן?", האָט שמעון געטראַכט ווען ער האָט זיך געגלעט דעם שטערן, ווי עס שטייט געשריבן אין רבי ר' מלכס צעטל-קטן אַלס אַ סגולה צו בייזע מחשבֿות.

מיט אַ מאָל רעדט צו אים אַ ווייך קול צי ער וויל נישט אַרײַנגיין שנײַדן דעם נאָפּלשנור. אַ בלאָנדע שוועסטער וואָס איז פֿריִער געווען בײַ חיהן אינעווייניק האָט צו אים געשמייכלט. בלויע אויגן, אַ קורצע קלייד און נישקשהדיקע בריסט האָבן זיך פֿאַר אים באַוויזן. "וואָט זע בייבי איז באָרן?" ניין, זי וויל וויסן צו זי זאָל אים רופֿן ווען עס ווערט געבוירן. "נאָ, איַי קאַנט ביקאָז מאַי רילידזן, באָט וואָט יו מין? וואָט איַי ניד טו קאָט?" זי שמייכלט און רעדט צו אים מיט אַ ווייכן, איידעלן קול וואָס דער בעל-דבֿר אַליין האָט אויסגעשמירט מיט האָניק, און דערקלערט אים וועגן נאָפּלשנור - ווײַזט אויס אַז פֿיל מענער האַלטן עס אַ זכיה צו שנײַדן. "איך זאָל האָבן די זכיה אים מערטשעם שנײַדן די פּיאות", האָט ער בײַ זיך געטראַכט.

"מזל טובֿ!" דונערט איבערן שפּיטאָל. "מזל טובֿ! אַ ייִנגעלע קנײַנע האָרע דאַרפֿסט עם זיין אָבער גיי נאָך נישט אַראַן!" - און די שוויגער לויפֿט באַלד צוריק. די בלאָנדע שוועסטער האָט אים אויך געווונטשן "קאָנגרעטיולייִשנס" און געפּרוווט זאָגן "מעזל טאַוו". כאָטש ס'האָט נישט געהאַט דעם טעם פֿון אַ היימישן מזל-טובֿ וואָס ער חלומט שוין דערויף אַכט מיט אַ האַלב יאָר, איז עס אַלץ געווען באַטעמט. זי האָט אים אויך נישט פּאַטראָניזירט מיט אַ רחמנותדיקן "מערטשעם בײַ דיר אָף שׂימחות" וואָס שמעון האָט געדאַרפֿט הערן די לעצטע אַכט מיט אַ האַלב יאָר. נישט ווִיסנדיק ווי אַזוי מען זאָגט ברוך-תּהיה אויף ענגליש, האָט ער געשמייכלט, געדרייט די פּאות און אַראָפּגעקוקט אויף דער פּאָדלאָגע.

אַז ער קען נישט אַרײַן צו חיהן האָט שמעון אַ געלעגנהייט אָנצורופֿן דעם רבין זײַנעם. נאָך די האַרטע ווערטער פֿונעם הויז-בחור און די ווייכע ווערטער פֿון דער שוועסטער האָט ער זיך נישט געאײַלט; ממה-נפֿשך, אָדער ווייסט שוין דער רבי ממילא, און אַז נישט איז ער נישט קיין בעל-רוח-הקודש און ס'וועט גאָרנישט זײַן אַז ער וועט שפּעטער רופֿן.

אַז נישט דער רבי איז דער נעקסטער קאַנדידאַט זײַנע עלטערן. ער האָט געוווּסט אַז די מאַמע וועט וויינען ווײַל זײַט זי האָט פֿאַרלוירן איר אייגן קינד צו "יענער מעשׂה" האָט זי נישט געקענט רעדן פֿון קינדער אָן ס'זאָל איר קומען טרערן אין די אויגן. ער האָט אויך געוווּסט אַז איר וועט נישט שמעקן אַז די שוויגער זײַנע איז אַ גאַנצע מחותּנתטע. זי איז דאָך אָבער פֿאָרט זײַן מאַמע און וואָס איז אים ווערט די גאַנצע שׂימחה אַז ער קען דער מאַמען נישט דערציילן? מילא דעם טאַטן, ער וועט אים געבן די האַנט און ווינטשן אַ וואַרעמען, ערנסטן מזל-טובֿ און אָנווינטשן אַז דער קליינער זאָל וואַקסן לתּורה-ולחופּה-ולמעשׂים טובֿים, אָבער מיט אַ פֿאַרהוילטן, ערנסטן שמייכל. ער וועט אים נישט קוקן אין די אויגן נאָר אויפֿהייבן די אויגן און דעם שטערן צום הימל צו. זײַן שאלה וועט נישט זײַן, ווי פֿיל האָט דאָס קינד געווויגן, אָדער ווי לאַנג האָט עס געדויערט, נאָר "ווייסט אַוודאי נעמען חיים דודן פֿאַר אַ מוהל" און "פֿאַרגעס נישט לייגן די יולדת-צעטלעך אינעם קינדס שטוב." פֿון דער מאַמען האָט ער אָבער דערוואַרט אַ מזל-טובֿ ווי נאָר אַ מאַמע קען געבן. זי וועט פֿרעגן נאָך חיהלען, נישט נאָך דער "יולדת", זי וועט פֿרעגן אויפֿן פֿאַרב פֿון די האָר און די אויגן, נישט צי דאָס קינד איז געל און צי דער ברית וועט זײַן בזמנו. קיין סך האָט ער אויף דעם נישט געוווּסט צו ענטפֿערן, ווײַל ער איז נאָך נישט געווען אינעווייניק בײַם קינד. זײַן שוויגער האָט אים אויך נישט דערציילט, ווײַל מענער זענען דען אין דעם אינטערעסירט?

ווען ער איז ענדלעך אַרײַן אין צימער ווו חיה איז געלעגן, האָט זי געהאַלטן אין מיטן געבן צו זייגן און חיהס ברוסט איז געווען אויפֿגעדעקט. די שוויגער איז נישט געווען דערבײַ צו הייסן חיהן זיך צודעקן און חיה אַליין איז געווען צו אויסגעמוטשעט אַכטונג צו געבן. ווען שמעון איז געזעסן מיט חיהן בײַ זײַן ערשטן באַשוי איידער ער איז אַ חתן געוואָרן, האָט ער משׂים-לבֿ געווען אויף דער גרויסקייט פֿון אירע בריסט. נישט חלילה ווײַל ער איז געווען אַ גס-רוח נאָר וויבאַלד דער גמרא זאָגט אַז איינס פֿון די סימנים פֿון אַן אַילונית איז אַז זי האָט נישט קיין בריסט, וועט ער דאָך נישט גיין אַ שידוך טאָן מיט אַ פֿרוי וואָס קען זײַן אַן עקרה לא-עלינו. כאָטש ער האָט זיי יעצט צום ערשטן מאָל געזען אַזוי לעבעדיק און אָטעמדיק האָט ער שוין פֿיל געטראַכט פֿון זיי. נישט בשעתן חיבוק-ונישוק במקום-מיצווה, פֿאַרשטייט זיך, ווײַל זײַן מדריך האָט אים אָנגעזאָגט אַז עס דאַרף דעמאָלט זײַן פֿינצטער אין שטוב. ווײַטער חיבוק-ונישוק שלא במקום-מיצווה, פֿאַרשטייט זיך אַז שמעון האָט זיך נישט באַנומען מיט אַזעלכע מעשׂה פּאַסקודניע. נאָר וואָס דען, אין זײַנע קינדלאָזע יאָרן האָט ער פֿיל מאָל געטראַכט צי ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט עטוואָס אַ גרעסערן שיעור צי ער וואָלט שוין נישט געשעפּט נחת. ער האָט אָבער נישט געשמועסט אַזעלכע גראָבע זאַכן מיט חיהן, ווײַל ווי די גמרא זאָגט, "אבֿן מקיר תּזעק" - די ווענט דערציילן אַלע סודות.

יעצט האָט זײַן קינד אָבער אַלץ איבערגענומען. די לויטערקייט פֿון אַ פֿריש געבוירנעם קינד בײַ דער מאַמעס ברוסט האָט פֿאַרטריבן אַפֿילו דעם יצר-הרע וואָס איז געשטעלט אויף מכשיל זײַן חסידישע יונגע-לײַט אין שמירת-עיניים. זײַן פֿרייד האָט נישט געוווּסט קיין עק און ער האָט געוואָלט אַרומנעמען חיהן מיטן קינד און זיי האַלטן לעבן זיך. דאָס טאָר מען אָבער נישט. ס'מעג זײַן זײַן קינד און זי מעג זײַן אַ קימפּעטאָרין, אָבער זי איז אויך אַ נידה און שמעון האָט

פֿיל יאָרן געהאָרעוועט אין יורה-דעה חלק ב׳.

ער איז געווען מסופּק צי מען מאַכט איבער אַ יִינגל ערשט אַ שהחיָינו און דערנאָך אַ ברכה ״הטובֿ-והמטיבֿ״ אָדער פֿאַרקערט. יעצט איז אָבער נישט קיין צײַט פֿאַר שאלות. ער האָט געמאַכט ביידע ברכות מיט אַן אינערלעכער שׂימחה וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געשפּירט. צי מען מעג מאַכן אַ ברכה פֿאַר אַ טפֿח-מגולה-באשה איז בײַ אים יעצט נישט געווען קיין שאלה. ס׳איז צו אים געקומען ספּאָנטאַניש, אָן הלכה, אָן מנהג, נאָר גלײַך אַרויס פֿון האַרצן. אָט אויף אַזאַ תּפֿילה פֿון אַ פֿאַסטעך האָט דער בעל-שם געוואַרט ראש-השנה איידער ער האָט שופֿר געבלאָזן.

ס׳איז אָבער אַ קליינע פּלא אַז שמעון האָט זיך אַליין געפּסקנט נאָכן זיך פֿאַרפֿליישיקן די אויגן? און דאָס אַליין איז אויך נאָר געווען ווײַל ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן אָנעם רבין. עבֿירה גוררת עבֿירה. און ס׳האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בײַ דעם. ווען די חסידים וואָלטן דאָס אַלץ געוווּסט וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען שמעון האָט גענומען די ברייטקייט אַליין צו באַשליסן וואָס פֿאַר אַ נאָמען צו געבן דעם קינד. אַזוי אָבער, נאָך ״ויקרא שמו בישׂראל ישׂראל חיים בן שמעון״ האָט אויסגעבראָכן אין בית-מדרש אַ שטילעניש. די חסידים האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט נישט אָנגעפֿרעגט. זיי האָבן תּולה געווען שמעונס כּפֿירה ווײַל ער האָט דעם רבין נישט פֿאַרגונען אַז זײַן זון איז אַ געווונטשן קינד. די גאָר פֿאַרביסענע האָבן געזאָגט אַז ער איז באַגדולט און ס׳דאַכט זיך אים אַז ער איז דער ערשטער אבֿי-הבן. די סתּם עמך-ייִדן איז אויך געווען אַ פּלא ווען זיי האָבן געהערט די סיבה פֿונעם טומל: ״ער האָט נישט מורא?״

שמעונס מאַמע האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין אַ טיכל ווען זי האָט געהערט דעם נאָמען וואָס זי האָט אַזוי לאַנג באַגראָבן טיף אין זיך. געפֿילן פֿון שולדיקייט אַז זי האָט אין אים פֿאַרגעסן, געפֿילן פֿון דער איבערגעחזרטער פּײַן פֿונעם פֿאַרלוסט און געפֿילן פֿון שׂימחה אַז שמעון האָט געטאָן דאָס אוממעגלעכע האָבן אַלע משמש געווען בערבֿוביא. בלויז דער סנדק דער טאַטע האָט פֿאַרשטאַנען די גבֿורה און שמעונען אַ קוש געטאָן אויפֿן שטערן אינעם שטיבל פֿאַרן אָרון-קודש.